**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/19/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט נייע רוף-טאַפּ פאַרם אויפ'ן דאך פון דזשעוויטס צענטער פאראייניגט זיך מיט NYS-געוואקסענע און באשטעטיגטע פראגראם צו פייערן 'ערד וואך'**

***איין-עיקערדיגע פאַרם צו פראדוצירן ביז 40,000 פונט פון פרוכט, גרינצייג און גרינסן א יאר***

***נייע עסנווארג וואלד געשאפן צו פארבעסערן עקא-סיסטעם אויף דזשעוויטס צענטער'ס דאך***

***בילדער פון רוף-טאַפּ פאַרם'ס ערשטע פראדוקט פארזאמלונג דעם יאר קען מען געפונען [דא]()***

אין פייערן 'ערד וואך' האט גאווערנער קעטי האָקול היינט אנאנסירט אז דער נייער איין-עיקערדיגער רוף-טאַפּ פאַרם ביים דזשעוויטס צענטער האט זיך אנגעשלאסן אין דעם 'ניו יארק סטעיט געוואקסן און באשטעטיגט' פראגראם, א סטעיט-ברייטע באמיאונג וואס אידענטיפיצירט ארטיגע פראדוצירער וועלכע פאלגן נאך די העכערע סטאנדארטן אין געביט פון עסנווארג זיכערהייט און ענווייראנמענטאלע אפטרופוס'שאפט. דער אקטיווער פאַרם, וועלכס געפונט זיך איבער אכט שטאק העכער'ן גאס-הייעך, איז פארענדיגט געווארן פאראיאר אלס טייל פון א 1.2 מיליאן סקווער-פיסיגע, טעכנאלאגיש פארגעשריטענע פארברייטערונג פון דעם דזשעוויטס צענטער אויף מאנהעטען'ס וועסט-סייד. יעדעס יאר איז דער פאַרם ערווארטעט אויפצוטרייבן ביז 40,000 פונט פון פראדוקטן, וואס ווערט איינגעגלידערט אין די מיליאנען מאלצייטן סערווירט פאר געסט אין לויף פון צוזאמקונפט פראגראמען ביי דעם קאנווענשען צענטער. אום מאנטאג האבן פאַרמער פון 'ברוקלין גרענדזש', וועלכס פארוואלטעט דעם רוף-טאַפּ פאַרם, צוזאמגעקליבן די היי-יעריגע ערשטע פראדוקטן, אריינגערעכנט מייערן, ליעקס, און בעיבי קעיל, וועלכע וועלן געניצט ווערן דורכאויס דעם ניו יארק אינטערנאציאנאלע אויטא שאוי וואס איז אפן ביז זונטאג, אפריל 24.

"אזוי ווי מיר פייערן 'ערד וואך' איז וויכטיג זיך צו פארקלערן איבער אונזער קיום'דיגער קאמף קעגן קלימאט ענדערונג און פארזעצן ווייטער אונזער געיעג נאך היסטארישע, אינאווירנדע לייזונגען אונז צו ברענגען נאענטער צו א ריינערע, גרינערע ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** "פון די ערפאלג אין איבערשאפן איר באלד 7-עיקערדיגע גרינע דאך אויף א נייעם רוף-טאַפּ פאַרם, האט דער דזשעוויטס צענטער איבערצייגט די מאכט פון שטאנדהאפטיגקייט. מיר שטאלצירן זיך זיי אויפצונעמען אין דעם 'ניו יארק סטעיט געוואקסן און באשטעטיגט' פראגראם, וואס פייערט פרישע, געזונטע פראדוקטן געוואקסן אויף אן אופן וואס רעכנט אריין דעם ארומיגן סביבה."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס קאמיסיאנער ריטשערד עי. באל האט געזאגט,** "דער 'ניו יארק סטעיט געוואקסן און באשטעטיגט' פראגראם רופט זיך אפ צו די פארלאנגען פון אונזערע קאָנסומער, וועלכע זוכן מער און מער זיכערערהייט בארהאנדלטע עסנווארג פון פאַרם צום טיש, און דער דזשעוויטס צענטער קומט נאך דער פארלאנג. מיר זענען באאיינדרוקט דורך אלע

שטאנדהאפטיגע אויפטוען ביי דעם דזשעוויטס צענטער, און אלס רעזולטאט פון זייערע הויכע קוואליטעט סטאנדארטן שטאלצירן מיר זיך אויפצונעמען זייער רוף-טאַפּ פאַרם אין דעם פראגראם.״

**ניו יארק קאנווענשען צענטער אפעראציע קארפארעישען פרעזידענט אלאן סטיל האט געזאגט,** ״עס איז אונז א כבוד זיך אנצושליסן אין דעם ׳ניו יארק סטעיט גרוואקסן און באשטעטיגט׳ פראגראם און צו ברענגען אונזער דאך-צום-טיש ערפארונג צו מיליאנען באזוכער פון ארום דער וועלט. דער רוף-טאַפּ פאַרם נעמט אונזער שטאנדהאפטיגקייט פראגראם צום נעקסטן שטאפל — ווירקליך — דורך צושטעלן געסט מיט באשטאנדטיילן געוואקסן בלויז טריט פון וואו זיי ווערן געגעסן. אונזער ציל איז ווייטער צו דינען אלס מוסטער פון שטאנדהאפטיגקייט און מוטיגן אנדערע צו נעמען אין באטראכט די פאטענציעל פון אינער-שטאטישע פאַרמינג און איר פאזיטיווע ווירקונג אויף דער קאמיוניטי.״

**סטעיט סענאטאר ברעד הוילמען האט געזאגט,** ״דער דזשעוויטס צענטער איז א מוסטער פאר שטאנדהאפטיגקייט אין אינער-שטאטישע ערטער. נישט נאר טוט דער צענטער קולטיווירן אן איין-עיקערדיגן רוף-טאַפּ פאַרם אויפ׳ן שפיץ פון זייער וועסט-סייד געביידע, אבער יעצט צילן זיי פאר די העכסטע ניווא פון עסנווארג קוואליטעט דורך זיך אנשליסן אין דעם ׳ניו יארק סטעיט גרוואקסן און באשטעטיגט׳ פראגראם. איך בין באגייסטערט אז גאווערנער האוקול האט געמאכט שטאנדהאפטיגקייט אין ניו יארק סיטי א פריאריטעט, איבערהויפט אין פארעהרן ׳ערד טאג׳.״

אויף דעם דזשעוויטס צענטער רוף-טאַפּ פאַרם, פלאנצן פאַרמער פון ׳ברוקלין גרענדזש׳ פארשידענע ערליי פראדוקטן, פון באסיל און בראקאלי ביז טאמאטעס און ריבן. זיי ארבעטן נאענט מיט דעם קאנווענשען צענטער׳ס אויפ׳ן-ארטיגע קעכער צו איינגלידערן די פראדוקטן אין מאלצייטן געשאפן פאר ספעציפישע צוזאמקונפט פראגראמען, פון טרעיד שאָוס ביז בלעק-טיי גאלאס. מיט איבער 3,000 באשטעטיגטע פראדוצירער לענגאויס דעם סטעיט, שטיצט דער ׳ניו יארק סטעיט גרוואקסן און באשטעטיגט׳ פראגראם ניו יארקער פאַרמער און עסנווארג פראדוצירער וועלכע פאלגן נאך העכערע עסנווארג זיכערהייט פירונגען און ענווייראנמענטאלע סטאנדארטן. אין ניו יארק סיטי, שליסט זיך אן דער דזשעוויטס צענטער׳ס רוף-טאַפּ פאַרם מיט פיר אנדערע רוף-טאַפּ פאַרמס אין עררייכן די באשטעטיגונג: דריי פאַרמס אין ברוקלין און קווינס, אויך פארוואלטעט דורך ׳ברוקלין גרענדזש׳, און נאך א פאַרם אין דזשעמעיקע, קווינס, אפערירט דורך ׳גאטהעם גרינס׳.

אויף ווייטער צו פירן איר ענווייראנמענטאלע אנטשלאסנקייט, האט דער דזשעוויטס צענטער אויך אויפגעדעקט דאס שאפן אן עסנווארג וואלד אלס טייל פון איר אייגנארטיגן רוף-טאַפּ עקא-סיסטעם. מיט זיבן באזונדערע שיכטן געשטעלט איינס אויפ׳ן אנדערן, טוט דער עסנווארג וואלד נאכמאכן די עקאלאגישע בענעפיטן און פראדוצירן דינאמיקס געפונען אין וועלדער און איז געאייגנט אויף צו העכערן די בייאָדיווערסיטעט, ווירקזאמקייט און שטאנדהאפטיגקייט פון עסנווארג פראדוקציע סיסטעמען. דער עסנווארג וואלד, געפלאנצען אין א 10,000 סקווער-פיסיגע רוף-טאַפּ פרוכטגארטן אלס טייל פון דער לעצטער פארברייטערונג, וועט ארויסהייבן די עקא-סיסטעם סערוויסעס וועלכע ווערן שוין פון פריער צוגעשטעלט דורך דעם דזשעוויטס צענטער׳ס גרינע דאך און פאַרם, אריינגערעכנט שטורעם-וואסער לינדערונג, היץ רעגולירן און פאשען און וואוין-ערטער פאר ארטיגע באשעפענישן. די ברייטע אויסוואל פון פלאנצונגען וועלן שאפן א מער קאמפליצירטע און ווידערשטאנד-פעאיגע ארט פאר וואקס עסנווארג פאר מענטשן און אנדערע זגאלן וועלכע פארלאזן זיך אויף גרינע אינפראסטרוקטור אין דעם געבויטן סביבה. זינט 2014, זענען 35 פויגל זגאלן, פינף פלעדערמויז זגאלן און טויזנטער שרצים זענען אבזערווירט געווארן אויף דעם דזשעוויטס צענטער׳ס גרינעם דאך, אין צוגאב צו פינף אקטיווע בינשטאקן.

דער פארברייטערטער דזשעוויטס צענטער, פון וועסט 34׳סטע סטריט ביז וועסט 40׳סטע סטריט צווישן 11טע און 12׳טע עוועניוס, שטעלט פאר א פיר-שטאקיגע טראָק פארקינג איינריכטונג וואס אנטהאלט ביז 200 טראקטאר-טרעילערס אויף איין מאל, רעדוצירנדיג געדראנג און פארפעסטונג אין דעם שכינות און

גלייכצייטיג פארבעסערן טראפיק זיכערהייט. צווישן די נייע אויסשטעלונג און צוזאמקונפט ערטער איז ׳דע אָווערוויו׳, א 54,000 סקווער-פיסיגע ספעציעלע פראגראם ארט — דער גרעסטער ארט פון איר סארט אין דעם צפון-מזרח — ווי אויך איבער 200,000 סק. פיס פון צוזאמטרעפט ארט און בעפאר-פונקציע ארט. אלע ערטער זענען אויסגעשטאט מיט די לעצטע טעכנאלאגיע אין באלייכטונג אויסריכטונגען, הייצונג און קילונג סיסטעמען און ווייערלעס באהעפטונג. די פארברייטערונג איז שוין באשטעטיגט געווארן ׳LEED גאלד׳ דורך דער יו-עס גרינע געביידע קאונסיל.

זינט 2014 האט דער דזשעוויטס צענטער רעדוצירט איר ענערגיע אויסניץ מיט 26 פראצענט און צוגעלייגט א נייע דריי-שטאקיגע געביידע מיט טראנספארמירער, בעק-אַפּ דזשענערעיטערס און אנדערע עלעקטרישע געצייג אויף צו באקרעפטיגן דער פארברייטערטער קאנווענשען צענטער. מיט דאס אינסטאלירן שפיטאל-ניוואו הויכע פונקציע פּארטיקיוּלעט לופט (HEPA) פילטערס צו פארבעסערן לופט רייניגונג און ווענטילאציע איבער דעם גאנצן ארט, האט דער דזשעוויטס צענטער באקומען גלאבאל ביאריזיקע ראט קאונסיל (GBAC) אקרעדיטירונג, איינפירנדיג די אינדוסטריע׳ס העכסטע סטאנדארטן פאר רייניגונג און דיסאינפעקציע.

**איבער ׳ניו יארק סטעיט געוואקסן און באשטעטיגט׳**
דער ׳ניו יארק סטעיט געוואקסן און באשטעטיגט׳ פראגראם איז געשאפן געווארן צו העלפן נאכקומען די שטייגנדע קאָנסוּמער פארלאנג פאר ארטיגע עסנווארג געוואקסן אדער פראדוצירט צו א העכערן סטאנדארט. דער פראגראם באשטעטיגט ניו יארק סטעיט פראדוצירער וועלכע פאלגן נאך הויכע עסנווארג זיכערהייט און ענווייראנמענטאלע אפטורפוס׳שאפט סטאנדארטן. עס איז געשטיצט דורך א רעקלאמירונג קאמפיין אריינגערעכנט אויפ׳ן פראדוקט לעיבעלס, ארויסהייבונגג און פארקויפונג מאטריאלן. צו דער איצטיגער צייט נעמען אנטייל איבער 3,000 פראדוצירער אין ׳ניו יארק סטעיט געוואקסן און באשטעטיגט׳, פארטרעטנדיג איבער 750,000 עיקערס פאַרם שטח. פאר מער אינפארמאציע איבער ׳ניו יארק סטעיט געוואקסן און באשטעטיגט׳, באזוכט [certified.ny.gov](http://certified.ny.gov), אדער פאלגט נאך דעם פראגראם אויף פעיסבוק, טוויטער און אינסטעגרעם.

**איבער דער דזשעוויטס צענטער**
דער דזשעוויטס צענטער, אויסטיליזירט דורך ׳איי.עם. פעי ענד פאַרטנערס׳ האט זיך געעפנט אין 1986 און איז זינט דעמאלס געווארן ניו יארק סיטי׳ס הויפט צוזאמקונפט זאל פאר גרויסע קאנווענשענס, טרעיד-שאָויס און ספעציעלע פראגראמען און סערווירט אלס וואוין-ארט פאר פילע פון דער וועלט׳ס גרעסטע 250 טרעיד שאָויס, אויפנעמענדיג מיליאנען באזוכער א יאר. די גרויס-פארנעמיגע פראגראמען האבן אויפגעטריבן איבער 2 ביליאן דאלער אין יערליכע עקאנאמישע אקטיוויטעט פאר ניו יארק סיטי און ניו יארק סטעיט, שטיצנדיג ביז 18,000 דזשאָבס אין און ארום דער איינריכטונג. דער דזשעוויטס צענטער, וואס געפונט זיך אויף 11׳טע עוועניו צווישן וועסט 34׳סטע סטריט און וועסט 40׳סטע סטריט אין מאנהעטען, האט איבער 850,000 סקווער פיס פון סה״כ אויסשטעלונג פלאץ, צוויי נייע שטאקן פון צוזאמטרעף צימערן און בעפאר-פונקציע ערטער און א ברייטע ריי קעיטערינג, סעקיוריטי, שטאנדהאפטיגקייט און טעכנאלאגיע סערוויסעס. פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט [www.javitscenter.com](http://www.javitscenter.com).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418